## שלום-עליכם

# בײַם דאָקטער

איך וויל אײַך בעטן, הערר דאָקטער, איין זאַך: איר זאָלט מיך אויסהערן. דאָס הייסט, נישט דאָס שלאַפֿקייט מײַנס זאָלט איר אויסהערן – פֿונעם שלאַפֿקייט וועלן מיר שמועסן שפּעטער. איך וועל אײַך שוין אַליין אויפֿקלערן, און וואָס עס באַשטייט מײַן שלאַפֿקייט. ווילן וויל איך, *איר זאָלט אויסהערן מיך אַליין*, וואָרום ניט אַ יעדער דאָקטער האָט ליב אויסהערן דעם חולה. ניט אַ יעדער דאָקטער לאָזט זיך רעדן. דאָקטוירים האָבן אַ טבֿע: זיי לאָזן זיך נישט רעדן. זיי ווייסן נאָר טאַפּן דעם דופּק, קוקן אויפֿן זייגער, פֿאַרשרײַבן אַ רעצעפּט און נעמען פֿאַרן וויזיט. אויף אײַך האָב איך געהערט זאָגן, אַז איר זענט ניט פֿון די דאָקטוירים. איר זענט נאָך, זאָגט מען, אַ יונגער דאָקטער, און זענט נאָך ניט אַזוי להוט, פֿאַרברענט נאָכן קערבל, ווי אַנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפֿאַר, הייסט דאָס, טאַקע געקומען צו אײַך, זיך מיט אײַך אַן עצה האַלטן מכּח מײַן מאָגן. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ מענטש מיט אַ מאָגן. על-פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אפֿילו אויס, אַז יעדער מענטש מוז האָבן אַ מאָגן. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? אַז דער מאָגן איז אַ מאָגן; אָבער אַז דער מאָגן איז קיין מאָגן ניט, הײַנט צו וואָס טויג דאָס לעבן? וועט איר דאָך מיר ענטפֿערן מסתּמא מיטן פּסוק: בעל-כּרחך אַתּה חי? ווייס איך עס אָן אײַך. פֿאַר דעם „בעל-כּרחך“ האָב איך נאָך אין חדר געכאַפּט שמיץ. איך שמועס פֿון דעם, וואָס אַ מענטש כּל-זמן ער לעבט, ווילט זיך אים ניט שטאַרבן. כאָטש דעם אמת דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז איך אַליין האָב פֿאַרן טויט כּלל קיין מורא נישט. וואָרום, ערשטנס, האָב איך שוין אַריבערגעשפּאַנט ששים, והשנית, בין איך אַזאַ מענטש, וואָס קאַטאָרי לעבן און שטאַרבן איז בײַ מיר גלאַט אַלץ איין יום-טובֿ. דאָס הייסט, לעבן איז אַוודאי גלײַכער ווי שטאַרבן, וואָרום ווער וויל דאָס שטאַרבן? ובפֿרט אַ ייִד? ובפֿרט אַ טאַטע פֿון עלף קינדער, זאָלן געזונט זײַן, מיט אַ ווײַב, כאָטש דאָס דריטע ווײַב, נאָר דאָך אַ ווײַב. בקיצור, אַליין בין איך אַ קאַמעניצער, דאָס הייסט, ניט פֿון קאַמעניץ גופֿא, נאָר פֿון אַ

שטעטל ניט ווײַט פֿון קאַמעניץ. און בין, אַז אָך און ווײ איז מיר, אַ ייִד אַ מילנער, איך האַלט אַ מיל האַלט איך, דאָס הייסט, די מיל האַלט מיך, וואָרום, ווי זאָגט איר, אַז מע קריכט-אַרײַן, ליגט מען. אַ ברירה האָט מען? ס'איז אַ ראָד, פֿאַרשטייט איר מיך, און סע דרייט זיך! באַרעכנט זיך אַליין, אַז פֿאַר ווייץ באַדאַרף מען צאָלן מיט מזומנים, און מעל מוז מען צעטיילן אויף קרעדיט, אַ וועקסל אַהין, אַ וועקסל אַהער, און צו טאָן האָט מען מיט גראָבע נפֿשות, און מיט ווײַבער. איר האָט עפּעס ליב ווײַבער? גײ געב זײ אָפּ דין וחשבון: למאי דאָס, למאי יענעס? למאי עס איז ניט געראָטן בײַ זײ די חלה? וואָס בין איך שולדיק? אפֿשר, זאָג איך, איז בײַ אײַך ווייניק היץ? אָדער אפֿשר איז בײַ אײַך געווען שלעכטע הייוון? אפֿשר איז בײַ אײַך געווען, זאָג איך, נאַס האָלץ? פֿאַלט מען נאָך אָן אויף אײַך און מע מאַכט אײַך מיט דער בלאָטע און מען איז אײַך מבֿטיח, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט אײַך פֿליען די חלה אין קאָפּ אַרײַן... איר האָט עפּעס ליב, אַז סע פֿליט אײַך אַ חלה אין קאָפּ אַרײַן? דאָס זענען די קונהטעס די לאחדימניצעס. נאָר איר מיינט אודאי, די קונים די הורטאָווניקעס זענען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתּחילה, אַז דער קונה קומט אין מיל אַרײַן און וויל זיך מאַכן אַ קרעדיט, איז ער ווייך ווי אַ פּוטער, מיט טויזנט חניפֿהלעך און קאָמפּלימענטן, כאָטש נעם לייג אים צו צו אַ מכּה; און נאָך דעם, אַז עס קומט צו צאָלן, הויבט זיך אָן אַ צעטל פֿון טענות: דער טראַנספּאָרט איז אים שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבן זיך צעריסן, די מעל איז געווען ביטער, טוכלע, צוגעלעגערט הייסט עס. צרות מיט שלעק – אַכצן חסרונות מיט זיבן און צוואַנציק תּירוצים! „און געלט?“ „געלט, זאָגט ער, שיקט-אַרײַן אַ חשבון!“ אַ האַלבער סילוק, הייסט דאָס. שיקט מען אים מאָנען, זאָגט ער: „מאָרגן“. מאָרגן – „איבערמאָרגן“. אַ נעכטיקער טאָג! הויבט מען אים אָן סטראַשן מיט אַ פּראָטעסט און מע גיט אויף אים אײַן. נו, און אַז מע גיט שוין אײַן, מיינט איר, איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט“, און אַז מע קומט מיטן „ליסט“ איבערשרײַבן, איז במילא אַלסדינג אויף דעם ווײַבס נאָמען, און גײ רוף אים קנאַקניסל! נו, פֿרעג איך אײַך: בײַ אַזעלכע געשעפֿטן ווי זאָל מען ניט האָבן קיין מאָגן? ניט אומזיסט זאָגט זי צו מיר מײַנע, כאָטש זי איז בײַ מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווײַב איז דאָך, ווי זאָגט איר, די זון אין שבֿט, נאָר דאָך אָוועקמאַכן קאָן מען זי ניט, פֿאָרט אַ ווײַב: „וואַרף אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף אַוועק דאָס מעל-געשעפֿט. לאָז עס זיך אָנצינדן מיט דער מיל אין איינעם, וועל איך וויסן, אַז דו לעבסט אויף דער

וועלט!“ „ע-ע-הע, זאָג איך, די מיל זאָל וועלן ברענען! זי איז גוט געסטרעכירט“... „ניט דאָס, זאָגט זי, מיין איך, נח. איך מיין, זאָגט זי, וואָס דו לויפֿסט אַרום, ניט קיין שבת, ניט קיין יום-טובֿ, ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד. וואָס? וואָס פֿליסט דו?“... פֿרעגט מיך בחרם, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך פֿלי. וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבֿע, צו אַלדי רוחות?... *איך האָב ליב דרייען!...* טאָמער מיינט איר, מע האָט עפּעס פֿונעם דרייען? צרות האָט מען! וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט איר זאָלט מיר ניט געבן, נעם איך דאָס אָן; ניטאָ פֿאַר מיר קיין שלעכטער בראָנפֿן: זעק – איז זעק, האָלץ – איז האָלץ, „טאָרגעס“– איז „טאָרגעס“. איר קענט אַוודאי מיינען, אַז אַחוץ דער מיל האָב איך שוין מער קיין געשעפֿטן נישט? האָט איר מחילה אַ גרויסן טעות. ווי איר קוקט מיך אָן, האַנדל איך מיט וואַלד, מיט איינעם אַ שותּף, וואָס מיר האַקן אים, און שטעל צו פּראָוויאַנט אין דער טורמע, און האָב אַ חלק אין דער טאַקסע, און דערלעג דווקא אַלע יאָר צו איר געלט, איר וואָלט זיך עס ווינטשן פֿאַרדינען אַלע חודש, איך בין אײַך קיין שׂונא ניט. אײַ, צו וואָס דאַרף איך זי? קהל אויף צו להכעיס! איך בין, ווי איר זייט מיך, אַ גרויסער בעל-נצחון: בײַ מיר, צוליב נצחון, איז כּדאי די גאַנצע שטאָט זאָל גיין צו גרונט און אַליין באַגראָבן ווערן – אַבי אויספֿירן מײַנס! איך בין, ווי איר זייט מיך, אַ מענטש דווקא אַזוי זיך ניט קיין שלעכטער בטבֿע, נאָר אַ גרויסער „קאַפּריז“, אַ שפּילשליוווער, הייסט עס. מיך, אַז מע רירט מיך אָן אין כּבֿוד, איז חיות ניט זיכער! און דערצו בין איך נאָך אַ שטיקל עקשן אויך. איך בין אַ בעלן געווען אַ מאָל, אין די גוטע יאָרן, פֿאַר איין „אַתּה הראיתלע“ בײַ אונדז אין בית-המדרש גיין ביזן בלוט אַרײַן; דאָס בית-המדרש האָט מען פֿאַרמשפּט – און איך האָב טאַקע אויסגעפֿירט מײַנס. וואָס זאָל איך טאָן? ס'איז בײַ מיר אַזאַ בלוט! ס'איז בײַ מיר נערווען, זאָגן זיי, די דאָקטוירים, און ס'האָט, זאָגען זיי, אַ שײַכות צום מאָגן. כאָטש אפֿילו על-פּי שׂכל קומט דאָס אויס ווילד. וואָרום וואָס געהער זיך אָן נערווען מיט אַ מאָגן? אַ ביסל אַ סמיכות הפּרשה! ווו זענען די נערווען און ווו איז דער מאָגן? נערווען זענען דאָך, צום מיינסטן, על-פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך, דאָרט, ווו די געהירן? און דער מאָגן איז דאָך גאָר ווייס איך ווו – פֿאָלג מיך אַ גאַנג!... שאַט, אָט באַלד ענדיק איך, וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? זיצט נאָך אַ מינוט. איך וויל דאָך אײַך אויסדערציילן אַקוראַט, איר זאָלט מיך אויסהערן און זאָגן מיר, פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אָט דער דאָזיקער אומגליק, איך מיין דעם מאָגן מיין איך. אפֿשר איז

דאָס פֿון דעם, וואָס איך בין נע-ונד, בין קיין מאָל נישטאָ אין דער היים, און אפֿילו דעמאָלט, ווען איך בין אין דער היים, בין איך אויך ניט אין דער היים. איך שווער אײַך בהן שלי – ס'איז אַ געלעכטער צו הערן און אַ חרפּה צו זאָגן – איך ווייס נישט, וויפֿל קינדער איך האָב און ווי אַזוי מע רופֿט זיי. ס'איז ניט גוט, הערט איר, אָן אַ בעל-הבית און אָן אַ טאַטן! איר זאָלט אָנקוקן בײַ מיר אין שטוב, קיין עין-הרע, מיט אַ פֿעראָנדעק! אַ שיף אָן אַ רודער! טאָג ווי נאַכט אַ טאַראַראַם, אַ האַרמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַ ווערטעלע אויסצורעדן, קיין עין-הרע, עלף קינדער פֿון דרײַ ווײַבער! בשעת דער טרינקט טײ, עסט יענער אָנבײַסן, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפֿן. דער קנײַפּט אַ בולקע, און דער וויל הערינג, דער גלוסט זיך מילכיקס, און דער שרײַט אין איין קול: פֿלייש! און אַז מע וואַשט זיך עסן, איז ערשט דעמאָלט ניטאָ קיין מעסער, מיט וואָס אַ שטיקל ברויט אָפּצושנײַדן, און צווישן קליינוואַרג איז אַ טומל, אַ גיהנם, מיט הריגות, כאָטש נעם לויף אין דער וועלט אַרײַן! און איבער וואָס? אַלץ איבער דעם, הערט איר, וואָס איך האָב קיין מאָל קיין צײַט ניט, און זי, מײַנע הייסט דאָס, איז, קיין עין-הרע, זייער אַ גוטע, דאָס הייסט, ניט אַזאַ גוטע, ווי אַ ווייכע, קאָן זיך ניט באַגיין מיט קיין קינדער. מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַגיין. קריכן זיי איר אויפֿן קאָפּ, דאָס הייסט, זי שעלט זיי אפֿילו, קנײַפּט זיי, רײַסט זיי אויס שטיקער פֿלייש, נאָר וואָס קומט אַרויס? פֿאָרט אַ מאַמע. אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע. אַ טאַטע לייגט אַנידער און שמײַסט אָפּ אַ קינד. איך ווייס, אַז מײַן טאַטע האָט מיך געשמיסן. און אפֿשר האָט אײַך אײַער טאַטע אויך געשמיסן? וואָס זשע מיינט איר? איז אַז וויל צו אײַך! איך ווייס ניט, צי ס'וואָלט פֿאַר אײַך געווען בעסער, מע זאָל אײַך ניט געווען שמײַסן... וואָס כאַפּט איר זיך? איך ענדיק באַלד. איך דערצייל עס אײַך ניט אומזיסט; דאָס איז צוליב דעם, איר זאָלט פֿאַרשטיין מײַן אַרט לעבן, וואָס איך לעב. אפֿשר מיינט איר, אַז איך ווייס, וויפֿל איך פֿאַרמעג? מעגלעך, אַז איך בין אַ ייִד אַ נגיד, און אַ גרויסער נגיד, און מעגלעך אַז – צווישן אונדז וועט עס דאָך מסתּמא בלײַבן? – אַז איך בין אפֿשר דערונטער... איך ווייס? אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלאַטעט; ווי זאָגט איר, די טאַפֿלי אַרויסגענומען, יענע טאַגלי אַרײַנגעשטעלט – ס'איז עפּעס אַ תּירוץ? צי מע קאָן, צי מע קאָן ניט – נדן אַ קינד דאַרף מען געבן? ובפֿרט נאָך, אַז גאָט העלפֿט טעכטער, און דערוואַקסענע דערצו! אַנו, פֿרוּווט האָבן דרײַ טעכטער דערוואַקסענע, קיין עין-הרע, אַלע אין איין טאָג צו דער חופּה

פֿירן, וועלן מיר זען, צי וועט איר קאָנען אײַנזיצן אין דער היים אפֿילו אַ טאָג! הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, וואָס איז דאָס דרייען, וואָס מע דרייט, מיטן פֿליען, וואָס מע פֿליט? און אַז מע פֿליט, כאַפּט מען אַ פֿאַרקילונג אין וואַגאָן, אַ בייזע וועטשערע אויף דער אַכסניא, וואָס מע קרענקט זי נאָך דעם אויס. הײַנט די ריחות, וואָס מע שמעקט זיך אָן, מיט דער שיינער לופֿט – מעג מען שוין האָבן אַ מאָגן? אַ שטיקל גליק איז נאָר, וואָס איך בין בטבֿע נישט קיין קראַנקער מענטש, גוט פֿאַרפֿונדעוועט פֿון דער יוגנט. קוקט נישט אויף מײַן סנאַסט, וואָס איך בין אַזוי דאַר און טרוקן. דאָס האָבן מיר די געשעפֿטן אַזוי אויסגעטריקנט. און אַגבֿ איז בײַ אונדז טאַקע אַזאַ גדלע, אַזאַ ווּקס; מיר האַלטן זיך אַלע הויך און דין. איך האָב געהאַט עטלעכע ברידער, זענען זיי אַלע געווען אַזוי ווי איך, מיר צו לענגערע יאָר. פֿון דעסט וועגן בין איך, הערט איר, תּמיד געווען אַ געזונטער מענטש, נישט געוווּסט פֿון קיין מאָגן און פֿון קיין דאָקטער און פֿון קיין שוואַרץ יאָר, הלואי ווײַטער. נאָר פֿון אַ צײַט, אַז מע האָט מיך אָנגעהויבן שטאָפּן מיט רפֿואות, פּילן, פּראָשקעס און קרײַטער, און איטלעכער באַזונדער קומט מיט זײַן המצאה: דער הייסט, איך זאָל האַלטן דעיעט [דיעטע], דאָס הייסט „נעדאָיעד“, איך זאָל עסן וואָס ווינציקער; און דער הייסט, איך זאָל גאָר ניט עסן, איך זאָל פֿאַסטן הייסט דאָס. זענט איר שוין פֿאַרטיק? קומט צו גיין אַ נײַער חכם אַ דאָקטער און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דווקא עסן, און אַ סך! אַ פּנים, ער אַליין האַלט פֿון דער אכילה. אַלע דאָקטוירים האָבן אַזאַ טבֿע, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן ניט פֿײַנט, דאָס הייסן זיי אויך דעם חולה. אַ חידוש איז מיר נאָר, וואָס זיי הייסן ניט שלינגען קיין קערבלעך... משוגע צו ווערן פֿון זיי! איינער אַ דאָקטער האָט מיר געהייסן גיין אַ סך, גלאַט גיין אין דער וועלט אַרײַן, שפּאַנען הייסט דאָס; איז געקומען דער אַנדערער דאָקטער און הייסט מיר ליגן – און גיי טרעף, וואָס פֿון זיי איז מער בהמה... וואָס דאַרפֿט איר אַ סך? איינער האָט מיך געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, כּמעט אַ יאָר כּסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערן, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס ושלום! ליאַפּעס איז פֿאַר אײַך אַ סם המות!“ און ער גייט און פֿאַרשרײַבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלן פּראָשעק. מסתּמא ווייסט איר, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו גיין מיטן געלן פּראָשעק צו אַ דריטן דאָקטער, כאַפּט ער ניט דעם געלן פּראָשעק און צערײַסט ניט דעם רעצעפּט און פֿאַרשרײַבט מיר ניט קיין קרײַטער? אָבער וואָס פֿאַר אַ קרײַטער, מיינט איר? איידער איך האָב מיך אײַנגעוווינט, הערט איר, צו די

דאָזיקע קרײַטער, מעגט איר מיר גלויבן, אַז די גרינע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקערט! ס'זאָל אים אָנגיין, דעם דאָקטער, כאָטש האַלב, וואָס איך פֿלעג אים אָנווינטשעווען, בשעת איך פֿלעג זיי דאַרפֿן אײַננעמען אַלע פֿאַרן עסן. איך פֿלעג מיך זען בשעת מעשׂה מיטן מלאך המות! נאָר וואָס טרינקט נישט אַ מענטש צוליב געזונט?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צום יענעם דאָקטער, צום ערשטן הייסט דאָס, וואָס האָט מיך געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, און דערציילל אים די געשיכטע מיט די ביטערע קרײַטער, וואָס פֿאַרומערן מיר דאָס לעבן, – ווערט ער מלא רציחה און רופֿט זיך אָן צו מיר מיט אַ מין כּעס, גלײַך ווי איך האָב אים דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך אײַך פֿאַרשריבן, זאָגט ער, ליאַפּעס, הײַנט וואָס לויפֿט איר אַרום, ווי אַ דולער, פֿון איין דאָקטער צום אַנדערן?“ זאָג איך: „שאַט, שאַט! איר זענט דאָך נישט איינער אויפֿן יריד! קיין קאָנטראַקט האָט מען אײַך נישט אונטערגעשריבן, און לעבן דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך אַ ווײַב און קינדער!“... האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ פֿײַער, זאָלט איר זען, גלײַך ווי איך האָב אים דאָ געזאָגט מי יודע וואָס! בקיצור, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין צו יענעם דאָקטער. זאָג איך: „קיין עצות באַדאַרף איך ניט; אַז איך וועל וועלן, קאָן איך אַליין גיין“. און נעם און לייג אים אַוועק אַ קאַרב. מיינט איר אפֿשר, אַז ער האָט דאָס מיר אַ שמיץ געטאָן אין פּנים? אָבער גאָר לא! קערבלעך האָבן זיי ליב, איַי, האָבן זיי ליב קערבלעך, הערט איר! אַ סך מער ווי מיר, פּראָסטע מענטשלעך. זיי זאָלן זיך אַוועקזעצן, אַ שטייגער אויסהערן דעם חולה, ווי עס געהער צו זײַן – דאָס איז בײַ זיי נישטאָ. זיי לאָזן זיך ניט רעדן אַ וואָרט איין איבעריקס. אָט בין איך אַנומלטן געווען בײַ איינער אַ דאָקטער, טאַקע אײַערער אַ באַקאַנטער, איך וויל אים ניט אָנרופֿן בײַם נאָמען. איך בין נאָר אַרײַנגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קיין צוויי ווערטער – אַהאַ, ער הייסט מיר שוין אויסטאָן זיך, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, און איך זאָל מיך אַנידערלייגן אויף דער קושעטקע. וואָס איז? באשר ער וויל מיך אויסהערן? ווילסט מיך אויסהערן? זייער גוט! הער מיך אויס! וואָס זשע לאָזט דו זיך ניט רעדן? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּן, וואָס דו טאַפּסט מיך, מיטן קלאָפּן, וואָס דו קלאָפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבער קיין צײַט ניט! עס וואַרטן, זאָגט ער, דאָרט הינטער דער טיר נאָך מענטשן, איטלעכער מיט זײַן „אָטשערעדע“. ס'איז הײַנט געוואָרן בײַ אײַך אַ מאָדע – ”אָטשערעדע“, ווי, להבֿדל, אויפֿן באַן, אָדער אויף דער פּאָטשט בײַ די מאַרקעס... וואָס? איר האָט אויך קיין צײַט ניט?

ביַי איַיך איז שוין אפֿשר אויך איין „אָטשערעדע“? איר זענט נאָך דאָך אַ יונגער דאָקטער! ווי קומט איר צו ”אָטשערעדן“ [אָטשערעדעס]? אַז איר וועט זיך אָט אַזוי פֿירן, הערט איר, וועט איר האָבן עגמת-נפֿש, ניט קיין פּראַקטיקע!... און אין כּעס באַדאַרפֿט איר אויך נישט זיַין. איך האָב נישט געמיינט, חלילה, אומזיסט. איך בין נישט אַזאַ ייִד, וואָס איך זאָל, חס ושלום, פֿאַרלאַנגען אומזיסט. און כאָטש איר האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף, פֿון דעסט וועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן, פֿאַרן וויזיט באַדאַרף מען איַיך באַצאָלן... וואָס? איר ווילט נישט נעמען?... וויל איך איַיך מיט גוואַלד נישט נויטן... געוויס האָט איר פֿון וואַנען צו לעבן... מסתּמא לעבט איר פֿון קופּאָנעס... עס וואַקסט ביַי איַיך... נו, מהכתּיתי, לאָז איַיך גאָט העלפֿן, ס'זאָל ביַי איַיך וואַקסן און וואַקסן... אַדיע! האָט קיין פֿאַריבל נישט, טאָמער האָב איך פֿאַר איַיך צוגענומען ציַיט... דערויף זענט איר דאָך אַ דאָקטער...

Transcribed by Itsik Goldenberg.
Copyright © 2007 Leonard Prager.
All Rights Reserved